שנה ג'
נומער קי"ח
**פרשת ויקרא**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

**א בריוו פונעם רעדאקציע:**
**שיקט אריין אייער נקודה פונעם שבת התוועדות**

**בילדער אפטיילונג:**
**פרייליכע חתונה אין ישיבה פון א תלמוד און א תלמידה**

# ברוכים הבאים

## צו אלע חשובע געסט

שבת ויקרא - שבת זכור. סיום סדר מועד



**דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה קרית ברסלב ה' פקודי**

# קרית ברסלב


רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com


**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוון פון די רעדאקציע

## אייער נקודה פונעם שבת התוועדות

לכבוד אלע חשובע לייענער פון קרית ברסלב בלעטל.

דעם שבת קודש קומט פאר דער לאנג ערווארטעטער שבת התוועדות, אנשי שלומינו טרעפן זיך צוזאם אינטער איין דאך, מען איז זיך מחזק אינאיינעם צו לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא, און אזוי אויך קומט מען זיך אויפרישן און הערן אלע עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

נאך דעם שבת וועט זיכער זיין געוויסע שטארקע נקודות וואס איר האט ארויסגענומען פונעם שבת, און איר שפירט אז דאס איז ביי אייך געווען די הויכפונקט פונעם גאנצן שבת.

קומענדיגע וואך וועלן מיר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אראפשרייבן אינעם בלעטל אלע הויכפונקטן פונעם עולם וואס מען האט ארויסגענומען און מיטגענומען אויף ווייטער, מיר ווילן הערן פון יעדעם איינעם באזונדער, און דאס וועט אויך זיכער זיין התחזקות פאר אנדערע, צו זעהן וואס מען האט אלץ ארויסגענומען פון אזא שיינעם שבת.

רופט אדער שרייבט צום רעדאקציע אויף דעם נומער 845-379-1161

אדער שיקט א אימעיל

breslevofficeliberty@gmail.com

# זמנים Liberty

**פרשת ויקרא ט' אדר ב' תשפ"ב**

הדלקת הנרות........05:42
מוצאי שבת............07:14
מנחה מעריב צו ......08:00

**מוצאי שבת רוקט מען דעם זייגער א שעה פאראויס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 11 | 45°/33° | | Snow to Rain |
| Sat 12 | 40°/16° | | Snow Showers |
| Sun 13 | 27°/18° | | Partly Cloudy |
| Mon 14 | 35°/27° | | Partly Cloudy |
| Tue 15 | 42°/25° | | Mostly Cloudy |
| Wed 16 | 40°/25° | | AM Snow Showers |
| Thu 17 | 44°/29° | | PM Showers |
| Fri 18 | 44°/28° | | Snow to Rain |

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלמה רוטה הי"ו**
**וזוגתו פריידל תחי'**

**צו די געבורט פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה רפאל פורסט הי"ו**
**וזוגתו מרים תחי'**

**צו די געבורט פון א צווילינג למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו**
**וזוגתו לאה מרים תחי'**

**צו די בר מצוה פון הבחור שמעון עמרם נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

בס"ד

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די געבורט פון א אייניקל**
ביי זיין חשובע זוהן
מו"ה **שלמה** נ"י
חתן מו"ה **יואל טייטלבוים** שליט"א
גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער
ראש ישיבה שליט"א זאל זעהן אסאך
נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך
געזונטערהייט, און האבן כח אנצוגיין
מיט די הייליגע
ארבעט פון
פארשפרייטן דעם
אייבערשטן אויף
די גאנצע וועלט, אמן.

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# מעלדונג וועגן די רענט פרייזן

מיט דעם טוען מיר זיך ווענדן צו די אלע וואס האבן דירות וואס שטייען צו פארדינגען, זאלן זיכער מאכן מיט די הנהלת הקריה אז זיי קומען נאך די פרייז וואס איז באשטימט געווארן דורך די הנהלת הקריה.

אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגעפאדערט אין א בריוו ביים גרינדונג פון שטעטל:

*זאלסט איבערגעבן פאר אלע וואס ווילן קויפן אדער דינגען א הויז אינעם שטעטל אז דאס קען מען נישט טוהן אליינס, מען מוז זיך ווענדן צום "ועד הקריה" און נאר דורך זיי קען מען קויפן אדער דינגען, ווער עס וויל גיין אליינס וכו' וועט נישט האבן א מקום ביי אונז אין מוסד.*

*איך וועל שטיין אויף דעם אז מען זאל נישט אויפהייבן די פרייזן כדי אז יונגעלייט זאלן קענען לעבן מיט שלוות הנפש, מען זאל האבן גרויסע דירות פאר ביליג וואס מען זאל קענען דעקן די הוצאות.*

*איך האף אז דו וועסט טוהן מיין ווילן און דו וועסט דאס איבערגעבן פאר אלע וואס ווילן זיך ארויסצוען, זיי זאלן נישט דינגען א דריה פאר זיי רעדן צם "ועד הקריה", וואס זאלן זאגן צו די פרייז פון די רענט איז נארמאל אדער איבערגעטריבן.*

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

UPSCALE LAYETTE AT WHOLESALE PRICES

# SECRET TO THE WELL DRESSED BABY

**bambolìna**

*Baby Boutique*

DYNAGRAFIK 845.352.1266

clothing | outerwear | blankets | jewelry | accessories | baby essentials | gifts

78 Denman Rd • Liberty, NY 12754 • 917 538 2832
open all year 'round • phone orders welcome

# שטעטל נייעס

## קורצע באזוך פונעם ראש ישיבה לאזט געוואלדיגע רושם אויף די קינדער



א הערליכער באזוך פונעם ראש ישיבה איז פארגעקומען פארגאנגענעם דאנערשטאג פקודי. צום ערשט איז דער ראש ישיבה געגאנגען אין תלמוד תורה, און געגעבן פאר די חשובע קינדער א הערליכער שיעור.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער די היסטאריע פונעם הייליג'ן רבי'ן וויאזוי ער איז געווארן א צדיק, אז דער רבי האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן און געבעטן דעם אייבערשטן ער וויל זיין א צדיק, אויך האט דער הייליגער רבי זיך זייער געהיטן פון שלעכטע חברים, אויב א חבר האט אים געזאגט ער זאל קומען מיט אים שטילערהייט אין א באהאלטענע פלאץ און טוהן נישט איידעלע זאכן רחמנא לצלן, איז דער הייליגער רבי אוועקגעלאפן און געמאכט קולות און געשריגן "ראטעוועט ראטעוועט". ברוך השם אז אין דעם חדר לערנט מען דאס אויס מען זאל זיך היטן פון שלעכטע מענטשן.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון נישט מוטשען די עלטערן, בפרט יעצט קומט יום טוב פורים, טאר מען נישט מוטשען די עלטערן וועלכע פארשטעלאכטס מען וויל האבן אויף פורים, און אוודאי נישט שלאגן א מאמע רחמנא לצלן. דער הייליגער רבי רבי אלימלך מליזענסק זכותו יגן עלינו האט אמאל געזען זיין קליינע אייניקל בעבי וואס זיין מאמע האט אים געהאלטן, און ער קלאפט מיט די הענטעלעך אויף די מאמע, האט דער הייליגער צדיק געשריגן "א מאמע שלאגט מען?" האט דער הייליגער רבי רבי אלימלך'ס מאמע זיך אנגערופן "ווען דו ביזט געווען א קינד האסטו מיר אויך אזוי געשלאגן". ווען ער האט דאס געהערט איז ער געווארן זייער דערציטערט, און איז גלייך צוגעלאפן צום אויווען און זיך אפגעברענט די הענט, קומענדיגן טאג ווען ער האט געדארפט לייגן תפילין, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל האבן הענט צו לייגן תפילין, האט פאסירט א נס און די הענט איז צוריק געוואקסן.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט זייער הנאה געהאט צו זעהן אינעם קרית ברסלב בלעטל, א בילד וויאזוי די קינדער זענען פארשטעלט פורים קטן, מען דארף נישט האבן קיין טייערע זאכן מיט וואס צו זיך פארשטעלן, מען פארשטעלט זיך מיט וואס די מאמע זאגט.

דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר די קינדער אז מען קען זיך פארשטעלן מיט פשוטע זאכן וואס ליגט אויפ'ן טיש; עס איז געליגן אויפ'ן טיש א פעקל טיקעטס, דער ראש ישיבה האט עס ארום געדרייט ארום זיין קאפ און געוויזן אז אפילו מיט דעם קען מען זיך פארשטעלן, אלע קינדער האבן געלאכט און זייער הנאה געהאט צו זעהן דער ראש ישיבה פארשטעלט אזוי אינטערסאנט.

דערנאך איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו די סקול און גערעדט צו די קינדער פון די נארישקייט פון מאכן טייערע גרויסע משלוח מנות, און געזאגט: "מענטשן ברענגען מיר גרויסע משלוח מנות, עס פעלט בכלל נישט אויס, וואס קען איך טוהן מיט דעם? גלייך נאך פורים איז פסח, במילא מוז מען דאס אלעס אוועקווארפן, אדער אויסטיילן פאר אנדערע מענטשן.

פון דארט איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן בית המדרש "מקור השמחה" אויף מארקס ראוד, וואס האט זיך געעפענט פארגאנגענעם וואך שבת פאר אלע דריי תפילות. ביים סוף האט דער ראש ישיבה געקלאפט מזוזה ביי די נייע דירה פון האברך ר' שמעון קורדוזו הי"ו און האברך ר' שמעון אביש הי"ו.

## "משנכנס אדר מרבין בשמחה" טאוועל




פארגאנגענעם ליל שישי האט מען פארטיילט פאר אלע חשובע מתפללי בית המדרש אין שטעטל א הערליכער משנכנס אדר טאוול, אלס אות הכרת הטוב פארן העלפן חודש'ליך דעם בית המדרש מען זאל קענען דעקן די הוצאות הבית המדרש, וואס איז אפן א גאנצע וואך צו לערנען און דאווענען.

אויב דארפט איר אזא טאוול פארבינדט זיך מיט די מערכת, און מיר וועלן דאס אם ירצה השם שיקן פאר אייך.

# היכל הקודש נייעס

וויליאמסבורג

## מסיבת הכרת הטוב "רענט קאמפיין"



ארויסצוברענגען הכרת הטוב פאר אנשי שלומינו וואס שטרענגען זיך אן אין לויף פונעם גאנצן יאר צו העלפן צאלן די רענט פאר די ביניני המוסדות.

אנשי שלומינו האבן גאר א שטארקע געפיל צום "רענט קאמפיין", יעדער שטרענגט זיך אן יעדן חודש איבער די כוחות אנטייל צו נעמען אין די וויכטיגע צדקה, דאס איז צוליב דעם וואס דער "רענט קאמפיין" פארקערפערט אין זיך פילצאליגע הייליגע וויכטיגע צוועקן אויפאמאל. מיט'ן ארויסהעלפן צאלן די רענט פון די מוסדות, האט מען א גלייכער טייל אין די פילע הייליגע ארבעט וואס קומען פאר אין די בנינים; דאס רעכנט אריין דעם בית המדרש, ישיבה גדולה, ישיבה קטנה, תלמוד תורה, מיידל סקול, כולל, די באזאר וואו מען קען באקומען גוטע קליידונג פאר גאר ביליג, די "עטרת אפפעל" חתונה זאל וואס שטעלט צו חתונות פאר אומזיסט, די אפיסעס פון קרן הדפסה היכל הקודש וואס פארשפרייטן אמונה איבער די וועלט, ווי אויך קומט פון דארט ארויס די דרשות און שיעורים, בריוו און קונטרסים, וואס באלייכטן די גאנצע וועלט און ברענגען צוריק אזויפיל אידן צום אייבערשטן, און נאך פיל. זעלטן צו טרעפן אזא וויכטיגע צוועק וואס נעמט אריין אין זיך אזויפיל זכותים.

מיט'ן שטיצן די "רענט קאמפיין", האט מען א גלייכער טייל אין די אלע געוואלדיגע זכותים, און גלייכצייטיג העלפט מען די "רענט קאמפיין" אראפצונעמען נאך פינאנציעלע התחייבות'ן פונעם ראש ישיבה שליט"א, און אים געבן נאך מער הרחבת הדעת.

אויך איז געווען צוגעשטעלט באסעס פריי פון אפצאל פון קרית ברסלב ליבערטי, פאר אלע איינוואוינער צו קענען אריינקומען מיטהאלטן דעם שיינעם מלוה מלכה.

עס איז פארגעקומען א רייכע אינטערעסאנטע פראגראם ביים מלוה מלכה פון וואס דער עולם האט זייער הנאה געהאט, דער יושב ראש איז געווען ר' מרדכי אינדיג הי"ו מנהל המוסדות, דער מנהל האט געעפנט דעם מעמד מיט גאר שיינע דיבורים, דערנאך האט ער אויסגערופן ר' מנשה איצקאוויטש צו קומען רעדן אפאר ווערטער, ר' מנשה האט נישט אנטוישט דעם עולם, און מיט זיין געשמאקן שפראך האט ער ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון העלפן דעם פלאץ וואס העלפט אונז א גאנץ יאר.

דערנאך האט דער מנהל אויסגערופן האברך ר' מעכל ראזענפעלד הי"ו פון קרית ברסלב ליבערטי צו קומען מהנה זיין דעם עולם מיט זיינע טרעפליכע דיבורים, אלע האבן גאר שטארק הנאה געהאט פון זיין דרשה, ווי ער האט ארויסגעברענגט אז דא אין די מוסדות לערנט מען מיט די קינדער וויכטיגע לימודים וואס זיי וועלן דארפן האבן פאר'ן גאנצן לעבן.

אויך האט מען געהערט גאר ווארימע דיבורים פון האברך ר' אשר בער אינדארסקי הי"ו פון די הנהלה פונעם רענט קאמפיין, וואס האט אויסגעשמועסט אפאר וויכטיגע נקודות בנוגע דעם "רענט קאמפיין", צווישן אנדערע האט ער ארויסגעברענגט אז עס איז נישט גרינג נאכצולויפן די אינגעלייט מען זאל געבן געלט, נאכדערצו היינט אז עס איז שוין דא אסאך א גרעסערער עולם איז שוין שווערער צו בעטן יעדן פערזענליך, במילא זאל דער עולם נישט ווארטן ווילאנג מען קומט אים בעטן געלט, נאר אליין קומען און ברענגען די סכום וואס ער שפירט ער קען געבן.

דער הויכפונקט פונעם מעמד איז געווען ביים סוף ווען מען האט געהאט די זכי' צו הערן א הערליכן דרשה פונעם ראש ישיבה, ווי דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז ער דאנקט יעדן טאג דעם אייבערשטן פאר דעם נס וואס ער האט געטוהן אז מען האט א בנין וואו מען קען לערנען אמונה שוין פאר די לעצטע צען יאר, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דיין געלט וואס דו גיבסט דא - האט אין זיך אלע צדקות, דא מאכט מען אומזיסטע חתונות. דא לערנט מען אויס צו געפעלן נאר דעם אייבערשטן, און נישט דארפן קויפן טייערע קליידער צו געפעלן אנדערע". דער ראש ישיבה האט ביים סוף אויסגעפירט: "עס איז נישט קיין חילוק וויפיל מען גיבט, אבער זעה עס צו געבן מיט א גוטע באנעמונג, עס איז היינט שוין דא אסאך צוועקן אין היכל הקודש, אבער אלס דארף מען זעהן אז דער סכום וואס מען גיבט און פארוועם מען געבט, זאל זיין געגעבן מיט א גוטע באנעמונג און מיט א שמייכל.

ביים סוף האט מען אויסגעטיילט פלעג"ס פאר אלע וואס געבן פרנס החודש. אויך איז געווען אין פלאן צו געבן א מתנה פאר אלע וואס געבן געלט יעדע חודש לויט וויפיל מען געבט אבער די מתנות איז געבליבן שטעקן אויפן וועג, מען וועט עס בעזר השם נאכשיקן ווי אמשנעלסטן.



# מעשיות פון תפילה

## שמעון גאנצפריעד - בארא פארק:

יעדן טאג פאר איך צו די ארבעט מיט די באן, די וועג נעמט איבער א שעה, ברוך השם אז מיר האבן דעם דרך הלימוד, אזוי קען איך ענדיגן רוב פון מיינע שיעורים אויפן וועג.

עס מאכט זיך גאנץ אפט אז איך דארף שטיין די גאנצע וועג צוליב וואס די באן איז אין יענע צייט פון טאג אנגעפילט מיט מענטשן וואס גייען אויך צו די ארבעט. איין טאג די וואך אינמיטן לערנען/פארן אינעם אנגעפאקטן באן אזוי שטייענדיג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טרעפן א ליידיגע פלאץ וואו צו זיצן ווייל איך האב נישט מער קיין כח צו שטיין".

ווי נאר איך ענדיג די קורצע תפילה נישט מער און נישט ווייניגער א גוי וואס איז געזיצן נעבן מיר געבט זיך א שטעל אויף ווי גלייך ער וואלט געהערט וואס איך בעט דעם אייבערשטן, און בלייבט שטיין פאר נאך אפאר סטאנציעס, ער האט ניטאמאל געדארפט אראפגיין דארט.

איך האב געזען באשיינפערליך ווי דער אייבערשטער האט אויסגעהערט מיין תפילה.

## שלום אינדיג - מאנטרעאל, קאנאדא:

פאראיאר חודש אדר שנת תשפ"א האב איך געהערט א מעשה פון תפילה אויף די האטליין פון א חשוב'ער אינגערמאן פון קרית ברסלב, אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטן פאר א לאנגע צייט אז ער וויל א נייע קאר, און ער האט אויסגערעכנט אין זיינע תפילות אלע פיטשעווקעס וואס ער האט געוואלט האבן אין די קאר; און נאך א שטיק צייט האט ער עס באקומען נאר דורך תפילה.

איך האב באקומען שטארקע חיזוק פון די מעשה ווייל איך האב אויך געדארפט האבן א נייע קאר, האב איך מייך גענומען בעטן דעם אייבערשטן פאר א נייע קאר, און איך האב אויך געבעטן פאר אלע באקוועמליכקייטן וואס איך האב געוואלט די נייער קאר זאל האבן, אזוי איז אריבער א יאר פון ווען איך האב געהערט די מעשה פון תפילה און איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן.

שכח אייבערשטער אז יעצט נאך א יאר פון בעטן האב איך באקומען א קאר אן טון קיין שום אייגענע פעילות, און אן זיך נאכפרעגן און קוקן פאר א קאר האב איך באקומען טאקע אזוי ווי מיינע תפילות זענען געווען, א נייע שיינע קאר מיט פילע באקוועמליכקייטן ממש א מעשה פון תפילה קאר. שכח אייבערשטער.

## יוסף שניטצלער - קרית ברסלב:

שוין פון אלס קליין קינד איז אריין אין מיר א געפערליכע שרעק פון בליצן, אפשר גיי איך געטראפן ווערן פון א בליץ און חס ושלום וואס קען געשען, ווען ס'האט נאר אנגעהויבן רעגענען בין איך שוין אריינגעפאלן אין א פאניק אז אפשר גייט בליצן, די פחדים האט מיר נישט געלאזט לעבן, איך פלעג זיך ממש ווארפן פאר שרעק יעדע מאל איך האב געזען א בליץ.

איך פלעג אלץ בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל פטור ווערן פון די אומזיסטיגע שרעק און נישט מורא האבן מער, אסאך יארן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן.

ביז איין טאג, ס'האט גאר שטאר גערעגנט יענעם טאג ווי אויך האט שטארק געדינערט און געבליצט און איך געב מיך א כאפ אז איך טראכט אפילו נישט פון די בליצן, איך האב שוין נישט די שרעקן! שכח אייבערשטער פארן מיך אויסלייזן פון מיינע פחדים! איך בין א נייע מענטש, היינט ווען עס בליצט האב איך הנאה דערפון, איך זיץ ביים פענסטער און איך האב הנאה פון יעדע בליץ.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶועֶן דִי צְוֶועלֶפְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְסְטוּ ב"ית' נִצְחִי אוּן דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶועֶן יְרוּשַׁלְמִי מַסֶּכֶת שְׁבִיעִית; דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶועֶן מִיט דַיין בְּרִיוו זֶעעֶנְדִיג וִוי **דוּ הַאלְטְסְט אָן דַיינֶע שִׁיעוּרִים.**

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ **בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַפָּצָה**; דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט קַארְטְלֶעךְ מִיט דִי נוּמֶער פוּן **'קוֹל בְּרֶסְלֶב'** וואוּ מֶען קֶען הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן הִתְחַזְּקוּת וְכוּ'; דֶער יוּנְגֶערְמַאן וָואס לֵייגְט אַרוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' זָאגְט מִיר אַז עֶר קֶען זֶען אוֹיפְן סִיסְטֶעם וִויפִיל מֶענְטְשְׁן רוּפְן אַרַיין טֶעגְלִיךְ, עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע רוּפְן אַרַיין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג אוּן לָאזְן אִיבֶּער הוֹדָעוֹת אַז דָאס אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן וְכוּ'; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ **וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ אִידְן**, זָאלְן נָאךְ אִידְן לֶעבְּן אוּן וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

לְגַבֵּי דַיין וַוייבּ אַז זִי וִויל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַ שֵׁייטְל וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי פַאר פְרוֹיעֶן בִּכְלָל זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן אוּם פּוּרִים, בִּפְרָט אַז זִי וִויל אוֹיסְטוּן אִיר טִיכְל - דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי. פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אוֹר, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן מוֹסִיף זַיין קְדוּשָּׁה, אַ צַייט פוּן שִׂמְחָה אוּן הַמְתָּקַת הַדִּינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): **"כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין"**, דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; **פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט וָואס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף לֶעָתִיד לָבוֹא.**

דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ צְנִיעוּת; אַז דַיין וַוייבּ וֶועט שְׁפִּירְן אַז דוּ שֶׁעצְט אִיר וֶועג וִוי אַזוֹי זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ מִיט אִיר צְנִיעוּת, וֶועט זִי זִיךְ נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּטוּן אִיר צְנִיעוּת.

**לָאז דַיין שְׁטוּבּ זַיין אַ רֵיינֶע**; בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם כֵּלִי וְכוּ' אֲפִילוּ עֶס הָאט נָאר אִימֶיעל וְכוּ', וַוייל: **"כָּךְ אוּמְנָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע"**, דָאס אִיז דֶער טְרִיק פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, **"הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כָּךְ"**, הַיינְט רֶעדְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֵיין זַאךְ, **"וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כָּךְ"**, אוּן מָארְגְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע עֲבֵירָה, **"עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ: עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה, וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד"**, בִּיז עֶר רֶעדְט אִים צוּ עֶר זָאל רַחֲמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת קה:).

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## זיך נאריש מאכן מיט די קינדער

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: דאס וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך; פלעגט דערויף רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה זאגן: "אז דער רבי האט אונז געזאגט 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' מן הסתם איז דא מיט וואס צו זיין פרייליך".

ווייטער זאגט דער רבי: "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", מען דארף זיך צווינגען צו זיין פרייליך אפילו מיט נארישע זאכן אבי צו זיין פרייליך, שרייבט אויף דעם רבי נתן (עיין ליקוטי הלכות, נפילת אפים ד, ה): איך האב אליינס געהערט פון רבי'ן בזה הלשון: "עס האט א פנים אז מען קען נישט זיין פרייליך נאר אז מען מאכט זיך נאריש".

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א אויף דעם: "דאס קען מען מקיים זיין ביי זיך אין שטוב, מען מאכט זיך נאריש מיט די קליינע קינדער, מען טאנצט מיט זיי און מען מאכט זיך נאריש וכו' וכו', ביז מען ווערט אליינס פרייליך".

די מלמדים פון חדר דערציילן: מאנטאג פרשת תרומה תשפ"א לפ"ק איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען באזוכן די חדר אין שטעטל און געגעבן א שיינעם שיעור פאר די קינדער איבער כיבוד אב ואם, אינמיטן דעם שיעור ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער זיך פארשטעלן פורים וויאזוי די מאמע הייסט און נישט מוטשען די עלטערן האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך פרייליך געמאכט מיט די קינדער, די גאנצע שיעור איז געווארן אפגעכאפט, ווען מען האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א אויב מען זאל דאס ארויסגעבן האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "יא, מיט קינדער מעג מען זיך נאריש מאכן. אדרבה, עס וועט זיין א לעקציע וויאזוי מען דארף זיך נאריש מאכן און פרייליך מאכן די קינדער".

תלמידים וואס האבן געהאט די זכיה צו עסן א שבת סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים פארציילן וואו דער ראש ישיבה שליט"א וויל דערציילן מעשיות פאר די קינדער, אבער די קלענערע קינדער קענען נישט איינזיצן ביים טיש, די שפילצייג איז פאר זיי מער אינטערעסאנט... וואס טוט דער ראש ישיבה שליט"א, ער מאכט זיך פרייליך, דעמאלט קומען אלע צולויפן, יעדער וויל זען וויאזוי מען מאכט זיך פרייליך במילתא דשטותא, דעמאלט קען מען אריינלייגן אין די קינדער שיינע מעשיות פון צדיקים, אריינפלעכטן אין די מעשה אמונה מידות טובות וכו' וכו'.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בריון

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ז׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי ׳יוּ עֶס בִּי״ס׳ וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פַּאר דִי מֵפִיצִים, דוּ הָאסְט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דֶערוֹיף הוּנְדֶערְטֶער דְּרָשׁוֹת, שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים וְכוּ׳.

וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן מְגַלֶּה זַיין פַּאר נָאךְ אַ אִיד דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז פַּאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק גֵייעֶנְדִיג אַמָאל "הַפָּצָה" אִין וִוילִיאַמְסְבּוּרְג אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם סִיגוּט׳עֶר בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ עֶר הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ". אֵיינֶער פוּן דִי אִידְן פַּאר וֶועם עֶר הָאט דָאס מֵפִיץ גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אַלְטֶער אִיד, נָאכְ׳ן אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם סֵפֶר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, עֶר קוּמְט צוּ צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוּן זָאגְט אִים: "אוֹי אוֹי אוֹי" - אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְט - "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוִויסְט פוּן דִי עֵצָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מִיר מַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען גְרִינְגֶער"; דֶער אִיד אִיז אַרִיבֶּער דֶעם דַייטְשְׁן גֵיהִנֹּם - דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה - וואוּ עֶר הָאט פַּארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער וואוּ עֶר אִיז גֶעפַּיינִיגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי רוֹצְחִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוִויסְט פוּן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מַיין לֶעבְּן מִיר גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרִינְגֶער" - הָאט עֶר גֶעוֵויינְט.

אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר דִי זַאךְ פוּן מַאכְן יוּ עֶס בִּי״ס וָואס דָאס אִיז דִי הַיינְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען הֶערְט דְּרָשׁוֹת אוּן נִיגוּנִים; אִין דִי הַיינְטִיגֶע קַארְס קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן קַיין טֶעיפְּ׳ס אוּן סִידִי״ס נָאר יוּ עֶס בִּי״ס, דַארְפְן מִיר אָנְגְרֵייטְן יוּ עֶס בִּי״ס. מִיר דַארְפְן זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַּאר יֶעדֶע מַצָּב אִין צוּ יֶעדֶע צַייט צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַּאר מֶענְטְשְׁן צוּ הֶערְן דִי נִיגוּנִים אוּן חִזּוּקִים אוֹיף דִי וֶועג וִוי עֶס פִּירְט זִיךְ וְכוּ׳.

אַשְׁרֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין ׳הַפָּצָה׳ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעם דִיבּוּר: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּט דָא אָפּ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; הֶער וֶוערְטֶער וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד: "עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אַבִּי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן"; וָואס הֵייסְט אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד? נָאר אַז מֶען אִיז יֶענֶעם מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, תְּפִילָה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.



## א מעשה פון הפצה

**א אינגערמאן פארציילט:**

איך בין געפארן פון וויליאמסבורג קיין בארא פארק און איך האב זיך אפגעשטעלט נעמען היטשעס, עס איז אריינגעקומען אינעם קאר אפאר בחורים און אויך א איד פון ארץ ישראל.

אויפן וועג האב איך אנגעצינדן "טאנץ מיט אמונה". אזוי פארנדיג זע איך ווי דער ארץ ישראל'דיגער איד הערט זיך צו צו די ניגונים אינגאנצן פארגאפט, פארן אים אראפלייגן וואו ער האט געדארפט גיין פרעגט ער מיר "ווער זינגט דא אזעלכע שיינע ניגונים?" האב איך אים געזאגט אז דער ראש ישיבה זינגט.

איז ער אריין אין א שמועס וועגן די ישיבה און וועגן די חתונות אין ישיבה, ער זאגט מיר "איז עס נישט אביסל מאדנע און ביליג די חתונות אין ישיבה?" האב איך אים פארציילט אז מיין חתונה איז געווען אין ישיבה און עס פעלט מיר ברוך השם גארנישט, זאגט ער מיר מיט ווייטאג: "ביזט געראכט! איך האב שוין חתונה געמאכט אלע מיינע קינדער, יעצט קום איך דא נאך געלט צו באצאלן מיינע חובות, ווען איך וואלט ווען געוויסט פון דעם אז מ'קען חתונה מאכן בחינם, וואלט איך נישט געדארפט אריינפאלן אין אזעלכע שווערע חובות." ביים סוף האב איך אים געגעבן א חיזוק יומי קארטל און אים געזאגט אז אויף דעם האטליין קען מען הערן אלע שיינע שיעורים פונעם ראש ישיבה,

ער האט זיך זייער באדאנקט און איז ארויס פון קאר.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

# נייעס פון קרן הדפסה

## דרשות פונעם ראש ישיבה אויף יו. עס. בי שוין דא צובאקומען

נאך אן אימערמידליכע ארבעט פון חדשים לאנג, איז א פרייד צו מעלדן אז עס איז שוין ארויסגעקומען די ערשטע פיר "יו-עס-בי"ס מיט פילע שיעורים, דרשות, און מוזיק סידיס פון ישיבה. דערווייל האט מען ארויסגעגעבן פיר יו עס בי'ס ועוד ידם נטויה בעזרת השם יתברך, ארויסצוגעבן בקרוב נאך יו-עס-בי'ס פון נאך שיעורים, דרשות, און מוזיק אלבומס.

פאלגענד זענען די תוכן פון די יעצטיגע יו-עס-בי'ס:

יו-עס-בי #10: אנטהאלט בערך 12.5 גיגאבייט, און בערך 230 שעה אודיא:

• 21 מוזיק אלבומס • טעגליכע דרשות זומער תשפ"א • דרשות פאר אינגעלייט תשע"ט • דרשות פאר אינגעלייט תש"פ • דרשות פאר אינגעלייט תשפ"א.

יו-עס-בי #11: אנטהאלט כמעט 14 גיגאבייט, און נאנט צו 250 שעה אודיא:

21 מוזיק אלבומס • טעגליכע דרשות זומער תשפ"א • טעגליכע דרשות ווינטער תשפ"א • קריאת מגילת אסתר פון ראש ישיבה • דרשות פאר אינגעלייט תש"פ.

יו-עס-בי #12: אנטהאלט נאנט צו 14 גיגאבייט, און בערך 250 שעה אודיא:

21 מוזיק אלבומס • טעגליכע דרשות זומער תשפ"א • טעגליכע דרשות ווינטער תשפ"א • דרשות פאר פרויען תשע"ט • דרשות פאר פרויען תש"פ • דרשות פאר פרויען תשפ"א.

יו-עס-בי #13: אנטהאלט איבער 13 גיגאבייט, און בערך 230 שעה אודיא:

21 מוזיק אלבומס • טעגליכע דרשות זומער תשע"ט • טעגליכע דרשות זומער תש"פ.

# בילדער פון קרן הדפסה



המפיץ רבי נתן יאקאבאוויטש שליט"א ביים טיילן קונטרסים



די מאשינען גרייט צו ווערן געליפערט צום שטעטל - 2 יאר צוריק



גליונות פון היכל הקודש ארויס פון דרוק ביים בית הדפוס אין בית שמש

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**אברהם יושע וועבערמאן**
קרית ברסלב

**שמעון פיש**
בארא פארק

**חיים מאיר ערפס**
בארא פארק

**אברהם דאנציגער**
טאהש

**אברהם הערש וועבערמאן**
קרית ברסלב

**יוסף פעלדמאן**
מאנסי

**מרדכי לייב טירנויער**
קרית יואל

**אייזיק ראטה**
וויליאמסבורג

**הלל ווייס**
קרית ברסלב

**יצחק אפעלבוים**
לעיקוואד

**מנחם זאב שטערן**
סטעטן איילענד

**יקותיאל פעלדמאן**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 518.966.2370

# א מעשה פון א צדיק



## אֱמוּנַת צַדִּיקִים

דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער לַמְדָן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָבֵר מִיטְן הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ, אוּן עֶר הָאט גֶעלִיטְן אוֹיפְן פִּיס מוֹרָא'דִיגֶע יִסוּרִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אַסַאךְ מָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְטוּהְן דִי זָאקְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בֵּיידֶע לַמְדָנִים, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער מַגִּיד וַואלְגֶערְט זִיךְ פוּן יִסוּרִים, הָאט עֶר אִים גֶ'עֵצָה'ט: אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאגְט אַז בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זֶעהְט מֶען מוֹפְתִים, גֵיי דוּ אוֹיךְ אַהִין, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פִּיס, אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן, אוּן דָאס הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי וָואכְן.

עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען שָׁלוֹם, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ וֶועל אֵייךְ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּעַל-עֲגָלָה עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶעקְסִ״י, אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אִים אִינְמִיטְן וֶועג, שְׁרֵייט עֶר צוּ מִיר 'אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג'! אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרוֹיט אִים צוּ גֶעבְּן, אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ גֵיין אַ גוֹי מִיט אַ זַאק בְּרוֹיט, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים בַּאצָאלְט גֶעלְט, און אַלֶעקְסִ״י הָאט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ וִויל דָא, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט עֶר וֶועט הֶערְן עֶפֶּעס מֶער.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אוּן גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר וֶועט עֶר הֶערְן עֶפֶּעס אַ נַייעֶם דִיבּוּר, פַארְצֵיילְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ: אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעפָארְן מִיט אַלֶעקְסִ״י אוּן דִי פֶערְד הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גוֹי, אוּן גֶעבְּרֶענְגְט הֵיי, הָאבְּן שׁוֹין דִי פֶערְד גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: אִיךְ זִיץ שׁוֹין דָא צְוֵויי טֶעג אוּן אִיךְ הֶער נָאר מַעֲשִׂיוֹת?! עֶס אִיז פָּשׁוּט 'בִּיטוּל זְמַן', וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זִיצְן, אוּן עֶר זָאגְט פַאר זַיין בַּעַל עֲגָלָה וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט: נָאךְ הַיינְט בַּיינַאכְט פָארְט מֶען אַהֵיים, זָאגְט אִים זַיין בַּעַל עֲגָלָה: עֶס אִיז פַארְנֶעפֶּעלְט אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָארְן, פְּלוּצְלִינְג זָאגְט אִים דֶער בַּעַל עֲגָלָה, מֶען קֶען שׁוֹין פָארְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְצוּפַּאקְן אַהֵיים צוּ פָארְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט דָאס מַרְגִישׁ גֶעוֶוען, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דֶעם מְשָׁרֵת, עֶר זָאל גֵיין רוּפְן דֶעם מַגִּיד צוּ זִיךְ.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אִינְמִיטְן נַאכְט, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ: אִיר קֶענְט לֶערְנֶען? זָאגְט עֶר יָא! פְרֶעגְט עֶר אִים: עֵץ חַיִּים הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט? זָאגְט עֶר יָא! זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם עֵץ חַיִּים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ מִישׁ אוֹיף עֶרְגֶעץ, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד: אִיר קֶענְט מִיר זָאגְן דָא פְּשַׁט? זָאגְט עֶר: אִיךְ מוּז זִיצְן! אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין. [וַוייל עֶר הָאט גֶעלִיטֶען אוֹיף דִי פוּס וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט] אוּן זָאגְט אִים אַ גוּטְן פְּשַׁט, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ: נֵיין, דֶער פְּשַׁט אִיז נִישְׁט אַזוֹי. קוּקְט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן זָאגְט: דֶער פְּשַׁט אִיז יָא אַזוֹי, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ: שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוֹיף דִי פִּיס, אוּן קוּמְט וֶועט אִיר הֶערְן וִוי אזוֹי מֶען לֶערְנְט דָאס, [אִין דֶעם שְׁטִיקְל עֵץ חַיִּים אִיז דָא שֵׁמוֹת פוּן מַלְאָכִים,] אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן צוּ לֶערְנֶען, פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַזַא מִין לִיכְט דָארְט, אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז דִי מַלְאָכִים זֶענֶען דָא אוּן עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מַגִּיד און פְרֶעגְט: אִיךְ קֶען שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן מִיט אַייךְ? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ: יָא! זָאגְט עֶר פַאר זַיין בַּעַל-עֲגָלָה, 'אִיר קֶענְט אַהֵיים פָארְן וַוייל אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין טַאקֶע דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

אַ צַדִּיק וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִינְגַאנְצְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זַיין גַאנְצֶער מֹחַ-מַחְשָׁבָה אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן נָאר פוּן דֶעם רֶעדְט עֶר, אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע חַיוּת, צוּ אַזַא צַדִּיק אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקוּרָב צוּ וֶוערְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ וֶוען גֶעוָואלְט הֶערְן אַ גוּטְן פִּילְפּוּל וְכוּ', אָדֶער עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, אָבֶער אַז עֶר רֶעדְט סְתָּם פַּשְׁטוּת אִיז דָאס נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט.

(קונטרס ״א גוטער מאלער״)



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 25

פארזעצונג פון פריער:

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה, הָאט זִיךְ דַאן אָפְּגֶעשְׁפִּילְט דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן מָסוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין שְׁטָאט. דֶער רֶבִּי אִיז זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן בָּטֵל גֶעוָוארְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

...

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער מָסוּר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אָבֶּער עֶר הָאט וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן מִיט זַיין רִשְׁעוּת אוּן גֶעשְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים בַּיי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן שְׁטָאט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיב סְ'קוּמֶען נִישְׁט אָן קַיין מְשׁוּלָחִים פוּן חוּץ לָאָרֶץ, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיינֶע מְסִירוּת אַז מְ'בְּרֶענְגְט אַרַיין גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק קַיין חֵיפָה, אוּן עֶר הָאט דָארְט אָפְּגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט פוּן דִי מְשׁוּלָחִים אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף טְבֶרְיָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן אוֹיסְצוּטֵיילְן.

וֶוען דֶער מָסוּר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת הָאט עֶר שְׁטָאלְצִירְט אַז עֶר וֶועט נָאךְ אָפְּטוּן אַסַאךְ רִשְׁעוּת פַאר דִי אִידְן, אָבֶּער צוּם סוֹף אִיז עֶר נָאכְאַמָאל קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זְכוּת צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.




**דער ראש ישיבה מיט די בחורים ביים ציון התנא הקדוש רבי שמעון אין מירון**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֵבֶר פוּן זַיין זֵיידְן, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, וָואס לִיגְט אִין טְבֶרְיָה.

מֶען הָאט גֶעדִינְגֶען אֵייזְלֶען, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט קַיין מִירוֹן, צוּם צִיוּן הַקָּדוֹשׁ פוּנֶעם תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין דִי מְעָרָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין אוּן לֶערְנֶען זֹהַר, אָבֶּער אִים אַלֵיין הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעזֶען טוּן, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק וָואס אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "וואוֹיל אִיז דִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בַּיינַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּב צוּ שְׁטוּב אוּן אָנְגֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם צוּ זָאגְן זֹהַר, אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶר אַלֵיין הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז נָאר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזִינְגֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין, אוּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בִּיז צוּם זוּן אוֹיפְגַאנְג.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּן טַלִית אוּן תְּפִלִין אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת.

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם צוּ דִי מְעָרָה פוּן הִלֵל הַזָּקֵן, דָארְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים ל"ג אוּן ל"ד, אוּן דָארְט אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

פוּן דָארְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם קֵבֶר פוּן שַׁמַאי הַזָּקֵן, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ בַּארְג קֶעגְן אִיבֶּער דִי מְעָרָה פוּן הִלֵל, אוּן דָארְט אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַן עַצְבוּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעזָאגְט דֶעם תֵּירוּץ.

פוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיכְן בַּארְג נֶעבְּן צְפַת צוּ דִי מְעָרָה פוּנֶעם תַּנָּא רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאֵי. סְ'אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אַרוֹיפְצוּגֵיין אַהִין מִיטְ'ן אֵייזְל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּנֶעם אֵייזְל אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַרוֹיף דֶעם בַּארְג. עֶר אִיז כִּמְעַט גֶעקְרָאכְן מִיט דִי הֶענְט אוּן דִי פִיס בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מְעָרָה, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען פַאר אַבִּיסְל.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

אלו יעמדו

אנשי שלומנו היקרים שנדבם לבם

חדר
הדפסה גדול

**מרדכי לייב טירנויער**

חדר
הדפסה קטן

**לרפואת יצחק בן פייגלא**

שער הבנין

**אברהם דוד לאקס • מרדכי אהרן היילפרין • לרפואת יוסף בנציון בן שאשא**

אבני היסוד

**מנחם זאב שטערן • משולם פינטער • יעקב האלפערן • יחזקאל שרגא קרויס • לייבי ראטה • שמעון זיגלער • אברהם יושע וועבערמאן • העניך אינדיג • משה יחיאל פעלדמאן**

אבני זהב

**יחזקאל טויסיג • יצחק משה רייך • הרוצה בעולם שמו • לוי יצחק זאפיר • אברהם יצחק אייזנער • יוסף ברילל • שמשון הערש טייטלבוים • משה גאטליעב • יעקב דוב כהן • יעקב שאול פיש • אברהם צוויבעל • משה פריעד • שאול חיים איינהארן**

רופט אריין מיט אייער נדבה: whatsapp: **518.966.2370** adfusa.org

## אבני כסף

אפרים נובוגרודסקי • שמואל
אליעזר פערל • יואל ראטטענבערג •
אברהם ברוין • יודא אריה טורנהיים • יואל
פעדער • אייזיק ראטה • משה שטיינוואַרצל
• ישראל אשר ווייס • נחמן שמואל יאקאבאוויטש
• ראובן בירנבוים • נחום ברילל • יוסף פעלדמאן • זושא
פריעדמאן • יעקב יאקאבאוויטש • ישראל מאיר ראטטענבערג • שכנא
גפן • בנציון בר"נ יאקאבאוויטש • יצחק יונה זאבעל • יודא ווערצבערגער
• מרדכי יעקב צימערמאן • יוסף מערמלשטיין • יואל בנצוין ווערצבערגער •
אייזיק קאהו • יעקב הילל פארקאש • ישראל שלום קויפמאן • אברהם חיים
קלאגסברוין • ישראל שלום זעלקאוויטש • שמעון ראבינאוויטש • שאול יצחק
גאנץ • חיים דוד ראזענבערג • שלמה לעבאוויטש • מענדל טירנויער • יואל
וועבערמאן • שמוליק בלעדי • יואל שניצלער • מרדכי ויידענפעלד • ישראל
הערשקאוויטש • יודא ליעבערמאן • משה עקשטיין • מרדכי היימליך • יעקב
האלצער • מעכיל ראטה • יצחק ליכטענשטיין • ישעי איידליס • אברהם הערש
וועבערמאן • שמעון פארטוגאל • הערשי זאבעל • שבתי מארקוס • זאב
סטרולאוויטש • הרוצה בעולם שמו • יצחק אפעלבוים • מנחם אראן • לייבי
אפפעל • חיים מאיר ערפס • שמעון פיש • אלי קנאלל • יואל מארקאוויטש

## אבני נחושת

אייזיק אפפעל • יודא אייזנער • עלי מזרחי • משה שטעסל • צבי ניימאן • אלי פערל • חיים
יוסף ראזענבערג • אברהם שטערן • אליעזר שטרויס • אפרים פעלדמאן • יוסף אירגאס • יוסף
ווייס • שלמה רוטה • חיים מיללער • משה שפיטצער • ישעי ריינער • מרדכי ראזענפעלד •
אלחנן רוטה • שמעון גאנצפריעד • ארי זיידענפעלד • פנחס מרדכי טייטלבוים • דוד דייטש
• שמעון קארדאזא • שמחה בלאק • שמואל גליקמאן • יחזקאל זיגלער • צבי מילסאן • יואל
מאשקאוויטש • אהרן וועבערמאן • שלמה אהרן בליקזילבער • יואל יוחנן וויזעל • הלל ווייס •
יושע אליעזר גליק • שלמה גוטוויין • יודא לייב לאוב • נחמן ניישטיין • שלמה שווארטץ • מנחם
זאב שטרול • משה גאנצפריעד • ישראל מנחם ראזענבערג • שמעון עוזר גרינפעלד • ישראל
חיים ברוין • יוסף פריעדמאן • אברהם דאנציגער • מנשה איצקאוויטש • ישראל יעקב ווייס •
הערשי שניצלער • עמרם רייכמאן • מרדכי אינדיג • יואל משה מייזעלס • יחזקאל סאמעט •
יודל טירנוער • נח הערש ווייס • ברוך יאקאבאוויטש • יודל איינהארן • שמעיה וואקס • סענדי
ראטה • אהרן יצחק אפעלדארפער • יקותיאל פעלדמאן • שלום שענקער • יוחנן שור • משה
נחום בערגער • הערשל פריעדמאן • שלום יוסף ניישטיין • משה צבי שטערן • יעקב לעזער •
פיישי פעבעבוים • אליעזר זוסיא ווערטיימער • עזרא בוים • יעקב איידליס • אברהם פיש • אהרו
הערשקאוויטש • שבתי מזרחי • שמעון פאללאק • יוסף פארטוגאל • אשר אנשיל ראזנער •
בערל שניצלער • שמואל יצחק ווערצבערגער

על הברכה

ליטול חלק בבנין בית הדפוס החדש

phone: **718.387.2691 #103** email: **newbuilding@kerenha**



# א סעודה מיט׳ן ראש ישיבה

## שבת קודש כי תשא תשפ״ב

שכוח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי׳ צו עסן ביים ראש ישיבה פרייטאג צו נאכטס פרשת כי תשא אין וויליאמסבורג, עס זענען געווען ביי די סעודה נאך געסט, צווישן זיי א חתן א תלמיד הישיבה; איך האב זיך צוגעקוקט און אראפגעשריבן אפאר שיינע זאכן וואס איך האב געזען און געהערט, איך וויל עס מיטטיילן מיט אנשי שלומינו.

דער ראש ישיבה האט געזינגען זמירות מיט א פרייליכקייט און געשמאק, און געוויזן פאר די קינדער צו פאטשן און קלאטשן; דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צום חתן: "אז דו וועסט פאטשן יעצט ווען מען זינגט זמירות, וועל איך פאטשן ביי דיין חתונה".

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים און געפרעגט: "ווער ווייסט וואס מען באקומט אויב מען שמעקט הדסים שבת?" דער ראש ישיבה האט ארויסגענומען א ספר המדות און געוויזן פאר די קינדער וואו עס שטייט אז ווען מען שמעקט הדסים שבת האט מען קינדער תלמידי חכמים (ספר המידות אות בנים, סימן נט - "עַל יְדֵי הֲדַסִּים בְּשַׁבָּת זוֹכֶה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים").

איך האב באמערקט ווי דער ראש ישיבה האט אינזין צו געבן אויפמערקזאמקייט פאר אלע געסט, אפילו פאר די קינדער. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א קליינע אינגל, איינער פון די געסט: "דו ביסט א צדיק; דיין טאטע האט מיר דערציילט אז אינדערהיים האסטו א שיעור אין ספר המידות, דו לערנסט יעדן טאג אביסל ספר המידות".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן פאר די קינדער: "ביי קידוש דארף מען שטיין מיט דרך ארץ, מיט צאמגעלייגטע פיס, אוועקלייגן אלע שפילצייג, ווייל דער אייבערשטער איז דא און די מלאכים זענען דא".

דער ראש ישיבה האט צוגערופן איינער פון די געסט צו אויפהייבן די בעכער און געמאכט קידוש. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה גערופן די קינדער צו די סינק און געוואשן אלע קינדער נטילת ידיים.

מען האט אריינגעברענגט די פיש, דער ראש ישיבה האט צוגערופן איינער פון די קינדער און אים געגעבן צו עסן א קליינע שטיקל פיש, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט: "ביי אונז אין שטוב דארפן אלע קינדער עסן אלע מאכלי שבת, אפילו אויב מען גלייכט נישט די עסן - געב איך זיי אויך אביסל צו עסן, מען דארף צוגעוואוינען די קינדער צו עסן די שבת׳דיגע עסן".

עס איז געווען א אינגערמאן ביי די סעודה וואס האט געהאט מיט זיך זיין קינד, האט דער אינגערמאן צוגערופן זיין זון און אים געוואלט צווינגען צו עסן א שטיקל פיש, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו אים: "טו דאס נישט דא, מאך מיך נישט פאר דער שלעכטער; ביי דיר אינדערהיים זאלסטו אים מחנך זיין".

עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען די צוויי פארקערטע זאכן ביי די סעודה, פון איין זייט איז זייער פרייליך און אין די זעלבע צייט איז דא א שטארקע דרך ארץ; צום ביישפיל, די קינדער האבן זיך געשפילט מיט א שפילצייג, האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט אז שפילצייג קומט נישט ביי די שבת׳דיגע סעודה, און זיי זאלן דאס אוועקלייגן.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט: "ש׳כח אייבערשטער אז מיר זענען אידישע קינדער! אויב מיר וואלטן געווען גוים וואלטן מיר נישט געהאט אזא פיינע סעודה"; און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז דער הייליגער צדיק דער קאזשניצער מגיד זכותו יגן עלינו איז געווען א קליינער דארער

<<<<

מענטש, דער הייליגער צדיק רבי משה לייב סאסובער זכותו יגן עלינו האט אים אמאל געפרעגט: "וואס האסטו אינזין ווען דו מאכסט די ברכה 'שלא עשני גוי'? אויב דו וואלסט געווען א גוי וואלסטו געווען א קליינער דארטשיגער גוי, איך וואלט געווען א הויכער ברייט ביינערדיגער גוי..."; און דער ראש ישיבה האט געפרעגט די באטייליגטע ביי די סעודה: "דו קענסט טראכטן וואס וואלט געווען אויב דו וואלסט געווען א גוי?"

דערנאך האט מען געזינגען זמירות שבת.

בשעת'ן טיילן די זופ האב איך באמערקט עפעס וואס איז מיר געווען א חידוש, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין שנור זי זאל אריינגיין אין קאך העלפן מאמי סערווירן די זופ; צוויי זאכן איז מיר געווען אינטערעסאנט, איינס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט "גיי העלף מאמי"; איך האב זיך דערמאנט אז אין היכל הקודש רופט מען די שווער און שוויגער - טאטי מאמי; צווייטנס, ווי דער ראש ישיבה לערנט אויס אפילו א צוגעקומענע קינד צו העלפן די מאמע; נאכדעם רופט זיך דער ראש ישיבה אן צו איינע פון די געסט: "איך בין צו א שטרענגער שווער?"

ווען מען האט אריינגעברענגט די זופ האט דער ראש ישיבה דערמאנט פאר די קינדער צו זאגן "לכבוד שבת קודש"; ווייל יעדעס מאל מען זאגט "לכבוד שבת קודש" - ווערט באשאפן נאך א מלאך.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: "ווער ווייסט פארוואס מען עסט לאקשן שבת?" און דער ראש ישיבה האט געענטפערט: "ווייל לאקשן איז צאמגעשטעלט פון צוויי ווערטער לא - קשיא; אונז צו דערמאנען נישט צו האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געבעטן מען זאל ברענגען די צעטלעך מיט די מעשיות פון תפילה וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר, און דער ראש ישיבה האט פארגעליינט הויך אלע מעשיות פון תפילה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איין יאר פורים ווען ער איז געגאנגען צו מוהרא"ש מיט די קינדער, און מוהרא"ש האט געגעבן פאר די קינדער פורים געלט; שמעון איז נאך געווען א קליין קינד, און ער האט צעריסן דאס געלט, האט מוהרא"ש געזאגט: "ער איז א קלוגער אינגל, ער דארף נישט קיין געלט".

ווען מען האט אריינגעברענגט די פלייש האט זיך איינער פון די געסט אנגערופן: "די עסן דא איז זייער פיין"; האט דער ראש ישיבה עס איבערגעזאגט פאר זיין ווייב, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די חתונה געהאטע קינדער: "ביי דיין שווער איז אויך דא אזעלכע גוטע עסן?" האט ער נישט געוויסט וואס צו ענטפערן, ער האט געשאקלט מיט'ן קאפ צווישן יא און ניין, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "און וואס ענטפערט מען טאקע? נאר וואו מען איז זאגט מען אז דארט איז די בעסטע עסן"; האט זיך יענער גאסט אנגערופן: "אבער דא איז טאקע דא די בעסטע עסן", האט אים דער ראש ישיבה געזאגט מיט א שמייכל: "יא זייער גוט, אזוי דארף מען זאגן..."

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדעס מאל מען קומט אן צו פרשת כי תשא איז אוממעגליך צו פארשטיין דאס וואס מען לערנט אין די פרשה, ווי אזוי קען זיין אז די אידן האבן נארוואס באקומען די תורה, געשטאנען ביים בארג סיני און עס איז געשען אזא שרעקליכע זאך, זיי האבן געמאכט א עגל; ווי אזוי קען דאס זיין?! נעכטן האבן זיי געהאט רוח הקודש און זוכה געווען צו אזעלכע גרויסע זאכן, און היינט מאכן זיי שוין אן עגל?! האט דער ראש ישיבה דאס זייער שיין ערקלערט: "נאר אז משה רבינו איז נישט דארט געווען האט עס געקענט געשען, ווייל אז מען לאזט אפ דעם צדיק פארלירט מען אלעס, אן א צדיק איז גארנישט דא, אן א צדיק האט מען נישט קיין לעבן! א מענטש דארף האבן א צדיק; קענסט האבן די תורה, קענסט האבן דעם בארג סיני, קענסט האבן רוח הקודש! אבער אז מען האט נישט קיין צדיק - האט מען גארנישט, אז מען גייט אוועק פונעם צדיק - פארלירט מען אלעס; אן א צדיק האט מען גארנישט!"

דער ראש ישיבה האט געהאלטן די קליינע בעבי יחזקאל, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל אז יחזקאל גייט אין די וועגן פון זיין זיידע [הרב הקדוש רבי יחזקאל רוטה זכר צדיק לברכה, גאב"ד קארלסבורג], זיין זיידע פלעגט בלייבן אויף א גאנצע נאכט, און ער שלאפט אויך נישט ביינאכט.

<<<<

נאכדעם האט מען געבענטשט און מען האט אריינגעברענגט די גוטע זאכן לכבוד שבת.

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען זינגען זמירות און עס האבן אנגעהויבן ארויפצוקומען מענטשן צו די באטע.

עס זענען געקומען אסאך מער מענטשן ווי געווענליך, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן "געווענליך איז נישטא אזויפיל מענטשן, נאר פורים; אבער זעט אויס אז יעצט איז א הכנה פאר פורים".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעצט גייט זיין א סורפרייז, ר' משה אריה שניטצלער נרו יאיר וועט מאכן א סיום אויף הונדערט און איין מאל משניות".

דער ראש ישיבה האט געזאגט, עס איז אינטערעסאנט אז עס שטייט פונקט היינט אין די בלאט גמרא וועגן דעם. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חגיגה ט:) ווען משיח וועט קומען וועט מען קענען זען א חילוק צווישן א צדיק און רשע, און צווישן איינער וואס האט געדינט דעם אייבערשטן און איינער וואס האט נישט געדינט דעם אייבערשטן.

פרעגט די גמרא, עס איז דאך די זעלבע זאך? ענטפערט די גמרא, אז אפילו צווישן צוויי צדיקים איז נישט גלייך איינער וואס האט געלערנט א זאך הונדערט מאל צו איינער וואס האט דאס געלערנט הונדערט און איין מאל.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן (חלק א, סימן ז), אז ביז הונדערט מאל קען מען פארגעסן, ווייל די מלאך פון שכחה, זיין נאמען באטרעפט הונדערט, אבער העכער הונדערט קען ער שוין נישט האבן קיין שליטה.

אויך האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט א טייטש וואס מוהרא"ש זאגט: "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים, לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", אז עס איז נישט גלייך איינער וואס לערנט הונדערט מאל צו איינער וואס לערנט הונדערט און איין מאל, דאס הייסט אז איינס איז דער אייבערשטער וואס איז איינער און איינציג, מען לערנט הונדערט מאל מיט'ן אייבערשטן, דאס איז נישט גלייך צו דער וואס לערנט אן דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט א שיינע פשט וואס ער האט געהערט פון איינעם, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו לערנען הונדערט און איין מאל? זאגט דארט די גמרא ווייטער: "צא ולמד משוק", דאס הייסט, גיי לערן פון מוהרא"ש; און דער ראש ישיבה איז געווען זייער פרייליך מיט דעם סיום.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינמאל איז א שכן געקומען בארגן א משניות ווייל היינט איז זיין טאטנ'ס יארצייט און ער וויל לערנען משניות פאר זיין נשמה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך טראכט צו מיר, 'א איד האט נישט קיין משניות אינדערהיים?'

זיין טאטע איז געווען א וואוילער איד, אבער די נשמה שוועבט נעבעך ארום אין אלע וועלטן, א רחמנות; אבער אז א מענטש גרייט זיך גוט אן, ער קומט ארויף אויבן מיט משניות - דארף ער נישט צוקומען צו קיין טובות פון קיינעם, ער דארף שוין נישט צוקומען אז מענטשן זאלן רחמנות האבן אויף אים און זאגן משניות פאר אים".

איינער האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה אז זיין זון האט געוואלט שפילן חדר מיט'ן שכן און זיי האבן זיך גע'טענה'ט אויב א רבי אין חדר האט יא א שטעקן אדער נישט. זיין אינגל וואס גייט אין די ברסלב'ער חדר האט געזאגט אז א רבי האט נישט קיין שטעקן, און יענע אינגל האט דאס נישט פארשטאנען, 'ווי אזוי קען זיין א רבי אן א שטעקן?!'

דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון די מעשה און געזאגט אז דאס איז א גוטע מעשה; די קינדער דא ווייסן נישט וואס זיי ווייסן נישט, וואס זיי ווייסן נישט וואס זיי ווייסן נישט.

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע געשמאקע פרייליכע סעודה, און אזא הערליכע באטע ביים ראש ישיבה שליט"א.

***

אזוי ווי דעם וואך שבת ויקרא - שבת זכור, עסט מען צוזאמען די סעודות שבת מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווילן מיר בעטן אויב איר האלט מיט די סעודה און איר קענט געדענקן די דעטאלן ביז נאך שבת, ביטע עס איבערגעבן פאר'ן מערכת, אזוי זאל דאס קענען ווערן געדרוקט, און נאך מענטשן זאלן הנאה האבן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

# בילדער
## אפטיילונג







דער ראש ישיבה באזוכט תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי - ה׳ פקודי





דער ראש ישיבה ביים באזוכן בית המדרש מקור השמחה, און ביים קלאפן מזוזה - ה׳ פקודי



דער ראש ישיבה ביים ביים קלאפן מזוזה אין שטוב פון ר׳ רפאל פורסט הי״ו- ה׳ פקודי



דער ראש ישיבה ביים קלאפן מזוזה אין שטוב פון ר׳ שמעון קורדוזו הי״ו- ה׳ פקודי



ר׳ מרדכי אינדיג יושב ראש המעמד ביים מסיבת הכרת הטוב פונעם רענט קאמפיין - מוצאי שבת פקודי



ר׳ מנשה איצקאוויטש ביי זיין דרשה



דער ציבור ביים מסיבה



מען טיילט אויס פלעג״ס פאר די אינגעלייט וואס האבן געגעבן פרנס החודש



חתונה פון תלמוד הישיבה החתן שמעון אביש הי״ו - עב״ג ר׳ פייוויש פעלבערבוים הי״ו - ד׳ פקודי תשפ״ב



דער ראש ישיבה ביים טאנצן מצוה טאנץ






די עסקנים פונעם שבת התוועדות ביים זיצן צוזאמען פאראנגענעם זונטאג אינעם האטעל צו אויסארבעטן דעם שבת עס זאל אלעס קלאפן על צד היותר טוב

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט
ברסלב


## MOUNTAIN HEALTH

Call us today for free same day delivery for all your health food needs
We carry all major brand vitamins and supplements
Place your order early for our delicious Spelt products delivered to your door
Leave a msg every day till 8:00 pm with your exact order for same day delivery
Phone: 845-707-4223
Email: Sam@Mountainhealthy.com
HAVE A HEALTHY DAY



## KB Shuttle

**Shuttle times pick ups:**

t10:00, 10:45, 11:30, 12:15, 1:00, 1:45, 2:30

The shuttle will come and take you to any local and semi-local address, including Shtetel, school, shop rite, South fallsburg, Monticello and any place on the way
Reserve a pick up by texting or calling 845-720-0847 the day before until 8 pm. If you didn't reserve you can still call the driver and request a pick up if available
Membership available.
Get latest updates by joining our text group.
For more info and for any questions call or text.


## צדקה מתן בסתר

איך נעם צאם צדקה פאר משפחות אנשי שלומינו וואס דארפן דאס וויכטיג. עס ווערט אויסגעטיילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

רופט אלחנן רוטה
**374-633-4495**


## Buy & Save - שטעטל באזאר

אלע פורים Costumes וועט זיין פאר א $1 ביז פורים

אפען: זונטאג - דאנערשטאג 10:00 - 7:00
פרייטאג 8:00 - 10:00
מאנטאג נאכט 8:00 - 10:00


## קרית ברסלב שריפת חלה

האט איר חלה טייג צו פארברענען? רופט אונז אריין עס האט דעם הכשר פונעם דיין שליט"א

אליעזר שמן
**917-202-1206**
Free pick up

## Baby Gemach

Car seats, pack & play for newborns and toddlers, twin carriage, single stroller and more

Call Mishpachas Berenbaum
347-543-8313




# לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן

לָאמִיר אִים נָאכְלוֹיפְן...!

אַלֶע קִינְדֶער וואוּנְדֶערְן זִיךְ: ׳וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט? מִיר מוּזְן אִים נָאכְלוֹיפְן, מִיר מוּזְן זֶען וָואס עֶר הָאט דָארְט, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט׳.

דִי קִינְדֶער לוֹיפְן, זֵיי לוֹיפְן אוּן לוֹיפְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט; דֶער מְשׁוּגָע׳נֶער אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן, בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין הַאנְט אוּן... אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן נָאנְט, מֶען קוּקְט אִין זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; עֶר הָאט אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין זַיין הַאנְט.

דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זֵיי הָאבְן אַלֶע גֶעזָאגְט: ״מֶעהֶהֶהֶ...!!! אַ גַאנְצְן טָאג זֶענֶען מִיר אִים נָאכְגֶעלָאפְן, מִיר הָאבְן גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גוּטֶע סְחוֹרָה, גוּטֶע זַאכְן; אַ שָׁאד אוּנְזֶער צַייט״, – הָאבְן אַלֶע קִינְדֶער גֶעזָאגְט.



לֵיידִיגֶע הֶענְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ו) אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אוּנְז, עֶר נַארְט אוּנְז אָפּ; עֶר וַוייזְט אוּנְז אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶפֶּעס גוּטְס לִיגְט אִין זַיינֶע הֶענְט, מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ, מֶען פָאלְגְט אִים, בִּיז עֶר עֶפְנְט דִי הַאנְט; דֶעמָאלְט זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא קַיין גוּטְס בַּיי אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַ צַדִיק, עֶר פָאלְגְט אַ צַדִיק, וֶועט עֶר הָאבְן פוּלֶע הֶענְט; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער 2 מאל

יום טוב. פורים. סעודה. מגילה. משלוח מנות. מתנות לאביונים. המן טאשן. גראגער. מרדכי. אסתר. המן הרשע. אחשורוש. וויין.



| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ט | ו | ט | ח | ג | י | ט | ט | י | ז | נ | צ | ס | ע | ו | צ | ט | ע | ט | ב | ר | ב | ג | ק | א | נ | מ | צ | ד | נ | ז | ט |
| ר | ל | ק | נ | ר | ר | ח | ת | ו | נ | מ | ח | ו | ל | ש | מ | ו | ו | ש | ב | א | ח | ש | ו | ר | ו | ש | ה | י | ב | ל | מ |
| כ | ל | ל | כ | ק | ג | ס | ק | כ | מ | ש | ג | ח | מ | כ | ר | ה | ח | ה | מ | ת | נ | ו | ת | ל | א | ב | י | ו | נ | י | מ |
| ש | ש | מ | צ | צ | ע | כ | ע | ס | מ | פ | נ | י | ח | ד | ב | ה | ה | ז | ה | ר | ש | ס | כ | ל | ת | ו | ס | ס | כ | ס | ב |
| ח | ע | ח | א | ר | ו | ט | ר | ו | ע | ג | נ | כ | ל | ס | ב | ס | נ | ט | ע | י | א | א | ח | ב | ו | ד | ש | ת | ע | מ | ס |
| ר | כ | ט | א | צ | ו | כ | פ | ב | ד | ו | ב | פ | ר | ה | כ | ז | י | מ | פ | י | ט | ח | ט | מ | ע | ק | ט | ו | פ | ס | ה |
| ש | פ | כ | ו | צ | נ | ש | ו | ט | י | ה | צ | כ | פ | ש | ד | ב | ט | י | ה | כ | נ | צ | ש | ח | נ | ד | ד | ט | י | ו | פ |
| ס | ז | נ | צ | ק | י | ט | ח | ב | י | מ | ס | ח | ת | ז | ז | ק | צ | ס | ח | ד | מ | י | ס | ו | א | ה | ל | ח | ה | ס | ק |
| ח | ח | ש | כ | ע | כ | ט | א | כ | ח | ס | מ | צ | נ | צ | פ | ב | ב | ע | ע | ר | ה | ס | ק | א | ר | מ | מ | ק | ע | צ | כ |
| י | נ | פ | מ | ג | נ | ל | ד | ג | ת | ר | ו | מ | ב | ו | ג | ת | מ | א | ע | מ | ה | ה | ט | ע | ס | ו | ו | ו | י | י | נ |
| ת | פ | א | ר | פ | ת | ר | ז | ה | ב | ד | ו | ג | ר | ר | ה | ע | י | ג | ת | י | ר | ג | מ | ה | ח | ת | ש | ד | ס | ח | י |
| ז | ח | ש | ע | ו | מ | א | צ | ג | נ | ל | מ | י | ד | ז | ר | ג | א | ו | ג | א | ב | ו | ט | נ | פ | ו | ר | י | מ | ח | ו |
| ג | פ | ו | נ | נ | ר | ג | מ | מ | צ | ו | מ | ל | ד | ו | צ | ר | צ | ה | מ | נ | ה | ר | ש | ע | ט | ח | ט | צ | מ | ל | מ |
| י | ק | ת | ו | נ | מ | ח | ו | ל | ש | מ | ג | ה | מ | צ | ג | י | ט | ת | ג | ט | נ | ז | ר | ע | ג | א | ר | ג | ל | מ | ט |
| ח | מ | י | ס | ל | א | י | א | ה | ט | ז | ט | ל | י | ע | ב | ש | ר | ס | ס | א | ו | ל | צ | פ | פ | י | ש | ז | צ | ר | ו |
| ה | מ | ג | ח | ז | י | ש | ה | ד | ו | ח | ת | ב | ב | ה | י | ק | ל | ל | י | ד | פ | ב | ל | ה | י | ת | י | נ | ל | נ | ב |

העלף נחמן נתן טרעפן דעם וועג צו לייענען די מגילה!









# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**יז.** אָדָם נִכָּר עַל-יְדֵי מְשָׁרְתָיו, אִם הוּא אוֹהֵב שֶׁקֶר, כִּי זֶה בָּזֶה תָּלוּי. לִפְעָמִים מְשָׁרְתָיו נוֹפְלִים לַעֲבֵרוֹת עַל-יְדֵי שֶׁהוּא שַׁקְרָן, וְלִפְעָמִים הוּא נוֹפֵל לְשֶׁקֶר עַל-יְדֵי מְשָׁרְתָיו שֶׁאֵינָם הֲגוּנִים.

**טייטש.** מֶען קֶען דֶערקֶענֶען אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאבּ לִיבּ לִיגְנְט, דוּרְךְּ זַיינֶע מְשָׁרְתִים; אֵיינְס אִיז גֶעוָואנְדְן אִינֶעם אַנְדֶערְן, צוּמָאל קֶענֶען דִי מְשָׁרְתִים אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת דוּרְךְּ דֶעם וָואס דֶער הַאר אִיז אַ לִיגְנֶער, אוּן צוּמָאל פַאלְט דֶער הַאר אַרַיין אִין לִיגְנְט, דוּרְךְּ זַיינֶע מְשָׁרְתִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| 4 | | | 3 | | 1 |
| | 1 | | | | |
| | | 2 | | 3 | 5 |
| | | | | 5 | |
| | | 3 | 2 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 9 | 4 | | | | 7 | 8 | |
| 2 | | 3 | 5 | | 7 | 4 | | 9 |
| | 7 | | 9 | 4 | 2 | | 6 | |
| | | 9 | 6 | 7 | 5 | 2 | | |
| | | | | | | | | |
| | | 7 | 8 | 3 | 1 | 5 | | |
| | 4 | | 7 | 1 | 8 | | 5 | |
| 7 | | 6 | 4 | | 9 | 1 | | 8 |
| | 5 | 8 | | | | 9 | 4 | |



# חידות
## אפטיילונג

### דער הייליגער רבי האט געזאגט: פון וועם איך נעם

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. וועט האבן ערליכע קינדער
ב. געב איך צוריק
ג. וועט נישט דערלייגן
ד. ווערט רייך

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט: וֶועגְן אֵיין תַּעֲנוּגְ'ל פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה

**ענטפער:** קָען עֶר פארלירן דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט עוֹלָם הַבָּא

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**נחמן נתן יאקאבאוויטש נ"י - בלומינגראו**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת פקודי?

## פון ראכטס צו לינקס.

4. _____ איז א שווערע עבודה

5. א ברסלב׳ער חסיד ווערט נישט _____, ער ווייסט דער אייבערשטער איז דא

10. יעדעס ווארט וואס מען רעדט צו די _____, טוט אויף

11. די קלוגסטע זאך איז צו פארן וואקאציע צו _____ _____

13. אז דו ווערסט _____ דעם אייבערשטן, וועסטו טרעפן וועם צו פרעגן

15. מיט אביסלע _____ קען מען זיך אפלעבן דאס לעבן אן קיין מחלוקת

16. ווי אזוי מען פירט זיך מיט _____, אזוי פירט מען זיך צו אים

18. א סימן צו וויסן ווער ס׳איז ערליך, מען זאל הערן ווי אזוי יענער _____

## פון אויבן אראפ.

1. טו אלעס אין די וועלט אז דיין שטוב זאל נישט _____

2. ווען מען איז מקורב צום אמת׳ן צדיק, שפירט מען א _____ _____ טעם

3. מוהרא״ש האט אויסגעלויבט די _____ אידן, מיט זייער שטארקע תמימות

6. תיקון הכללי איז פאר _____

7. הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל היינט קיינעם נישט _____ _____

8. יעדער איינער דארף זיין גאנץ לעבן זוכן און נישטערן צו ווערן מקורב צום _____

9. אז דו הערסט רעדן _____ _____, זאלסטו אנטלויפן ווי פון א סכנה

12. זיי זיך נישט _____ פון גארנישט

14. גיי שפאצירן מיטן אייבערשטן, הויב אן מיט דאנקן, דאס וועט דיר _____ דאס הארץ

17. אָן _____ _____, איז גארנישט דא



# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער

## פורים!






בס"ד

# סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער
חבר וואס שטייט אונז צו די רעכטע האנט
פונעם גרונדן ביז היינט

## מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו
## קרית ברסלב

### צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

עב"ג
## החתן **אברהם** נ"י
## בן מו"ה **חיים אלי' צוויבל** הי"ו
## קרית יואל

דער אייבערשטער זאל העלפן ר' אהרן
זאל זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט, און זאל קענען
ווייטער פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די
גאנצע וועלט, אמן.

החותמים
גבאי ומתפללי בית
המדרש היכל הקודש
ירושלים עיה"ק

# היסטארישע דורכברוך

אין די וועלט פון ערליכע

## אידישע ליין מאטריאל!

הערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

כמה מעלות טובות

# מַעֲשֶׂה'לֶעךְ

- מעשה'לעך וועט אריינבאקן אמונה אין די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט איינ-געוואוינען רעדן צו און פונעם אייבערשטן די מיילער פון די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט אויפבויען די דרך ארץ און מידות טובות ביי די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט ווייזן די ריכטיגע וועג פאר אייערע קינדער צו זיין ברסלב'ע קינדערלעך




ברסלב

די בעסטע משלוח מנות פאר די גאנצע משפחה

די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפי צים און ביי די קרן הדפסה.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!